Publié par
l'Association pour
l'Étude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער
# טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 6, נומער 4 (29)

אייר תשס״א/מײַ 2001

# אַ נײַער ייִדיש־צענטער אין פּאַריז אין 2003

אפֿשר האָט איר שוין געהערט קלאַנגען[1] אַז די מעדעם־ביבליאָטעק וועט זיך אַרויסציִען[2] פֿון איר איצטיקן לאָקאַל און שאַפֿן אַ נײַעם ייִדיש־צענטער, און איר פֿרעגט זיך פֿאַר וואָס?



▲ ייִדישע ביכער אין דער מעדעם־ביבליאָטעק. פֿאָטאָ: אַניק פּרים

### מה־נשתּנה[3]...

די פֿיר קשיות[4] וואָס מע קען הערן הײַנט צו טאָג אין דער מעדעם־ביבליאָטעק:

- פֿאַר וואָס איז די ביבליאָטעק אָפֿן בלויז פֿיר נאָכמיטאָגן אַ וואָך?
- פֿאַר וואָס שטייען בײַ אײַך אומעטום קאַרטאָנען פֿול מיט ביכער?
- פֿאַר וואָס קען מען נישט ניצן קיין אינטערנעץ אָדער זען קיין ווידעאָס?
- פֿאַר וואָס קען מען נישט קריגן אַ דיפּלאָם פֿון ייִדיש?

פֿאַר וואָס? דערפֿאַר וואָס ס'איז נישטאָ גענוג אָרט, נישט גענוג מענטשן צו אַרבעטן, נישט גענוג מיטלען, און נישטאָ קיין פֿולשטענדיקע לערן־פּראָגראַם[5].

אָט דאָ זײַנען עטלעכע ענטפֿערס אויף דער פֿראַגע „פֿאַר וואָס אַ נײַער ייִדיש־צענטער?“. דאָס איבערציִען[6] זיך קומט נישט פֿון אַ גרויסקייט־מאַניע[7] צי אַ קאַפּריז. די איצטיקע ייִדישוועלט האָט זיך געענדערט. ייִדיש איז נישט מער בלויז אַ שפּראַך פֿון עלטערע מענטשן און אַ הייפּל פֿאַרברענטע ייִדישיסטן[8] ווי מיט 20 יאָר צוריק. הײַנט צו טאָג איז דער עולם[9] געוואָרן פֿיל ברייטער. יונגעלײַט ווילן ווידער אַנטדעקן מאַמע־לשון[10] מיט זײַן רײַכער טראַדיציע, מוזיק, קונסט און ליטעראַטור. אַ סך פֿון די דאָזיקע מענטשן קומען אין דער מעדעם־ביבליאָטעק כּדי צו ניצן אירע זאַמלונגען, וואָס וואַקסן כּסדר[11]. אי פֿאַר די מענטשן אי פֿאַר די ביכער פֿעלט אָרט. דער איצטיקער לאָקאַל (52 רי רענע־בולאַנזשע), וואָס איז

[סוף זײַט 12]

1. rumeurs/rumors 2. déménager/move out 3. MANISHTANE "en quoi est différent", allusion aux premiers mots des quatre questions posées au début du repas de la Pâque/"how does it differ", reference to the first words of the four questions asked at the Passover seder 4. KASHES (*sing.* קשיא) questions 5. cycle complet d'études/complete program of studies 6. déménagement/moving 7. folie des grandeurs/megalomania 8. une poignée de yiddishistes fervents/a handful of fervent Yiddishists 9. OYLEM public 10. ...-LOSHN langue maternelle (yiddish)/mother tongue (Yiddish) 11. KESEYDER continuellement/continually

# ייִדיש לאָדזש

אין יאַנואַר האָט זיך אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אָנגעהויבן אַן אַקטיוויטעטן־פּראָגראַם אונטער דעם טיטל „און טרערן ווערן שטערן[1]: אַ בליק אויף דער ייִדישער קולטור אין לאָדזש“

מיט אַ יאָר צוריק איז געווען אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אַן
1 אויסשטעלונג געווידמעט דער שטאָט ווילנע. דאָס יאָר האָט מען אויסגעקליבן לאָדזש. פֿאַר וואָס דווקא[2] לאָדזש? אין אָנהייב פֿון 19טן יאָרהונדערט איז עס נאָך געווען אַ קליין שטעטל מיט ווייניקער ווי 800 אײַנוווינערס, און צווישן זיי אַן ערך[3] 260 ייִדן. וואָס איז געשען, אַז הונדערט יאָר שפּעטער איז לאָדזש געוואָרן אַ גרויסע שטאָט מיט דער צווייטער גרעסטער ייִדישער קהילה[4] אין פּוילן? די דאָזיקע אומגלייבלעכע אַנטוויקלונג האָט לאָדזש צו פֿאַרדאַנקען דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס די צאַרישע מאַכט[5] האָט דאָרטן געשאַפֿן אין די

[המשך זײַט 2]

1. citation du poème de Moyshe Broderzon *Jusqu'aux étoiles* (1919)/quotation from Moyshe Broderzon's poem *To the Stars* (1919) 2. DAFKE justement/precisely 3. ... EREKh environ/approximately 4. KEHILE communauté juive/Jewish community 5. le pouvoir tsariste (à l'époque cette partie de la Pologne appartenait à la Russie)/czarist rule (at the time, this part of Poland belonged to Russia)

[המשך פֿון זײַט 1]

צוואַנציקער יאָרן פֿון 19טן יאָר־הונדערט. אין אָנהייב האָבן די דײַטשישע וועבערס[6], וואָס די רוסישע רעגירונג האָט דאָרטן פֿאַרבעטן, געשאַפֿן וואַרשטאַטן[7] און קליינע מאַנופֿאַקטורן. מיט דער צײַט אָבער האָט זיך אַנטוויקלט די אינדוסטריאַליזאַציע, מע האָט געבויט גרויסע פֿאַבריקן און לאָדזש האָט געקראָגן דעם צונאָמען[8] „דער פּוילישער מאַנטשעסטער“. צוזאַמען מיט אַנדערע נײַע אײַנוווינערס[9] זענען אין דער שטאָט אָנגעקומען אַ סך ייִדן. אין אָנהייב האָבן זיי געמעגט וווינען בלויז אויף אַ פּאָר גאַסן, שפּעטער אָבער האָט מען זיי דערלויבט זיך צו באַזעצן אין גאַנץ לאָדזש. צווישן די ייִדן זענען געווען אַ פּאָר גרויסע אינדוסטריעלע (ווי צום בײַשפּיל דער באַוווּסטער פֿאַבריקאַנט פּאָזנאַנסקי), אַ סך מעקלער[10], הענדלער[11], קרעמער[12], און דער עיקר[13] פּראָסטע וועבער, וואָס האָבן געאַרבעט אין קלענערע אונטערנעמונגען[14] און געוווינט מײַסטנס אין דער אָרעמער פֿאָרשטאָט באַלוט[15]. די טעקסטיל־אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די פֿאַרשיידענע פּאָליטישע באַוועגונגען, דער עיקר אינעם בונד[16], און זיי האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905.

**צ**וזאַמען מיט דעם וווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַנטוויקלט זיך אויך אַ ייִדיש קולטור־לעבן. עס קומט אויף די ייִדישע פּרעסע : פֿון די צענער יאָרן אָן עקזיסטירן אין לאָדזש צוויי גרויסע טאָג־צײַטונגען, *לאָדזער פֿאָלקסבלאַט* און *לאָדזער טאַגעבלאַט*, און אויך עטלעכע ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן, ווי דאָס מאָדערניסטישע *יונג־ייִדיש* געגרינדט פֿון אַ גרופּע שרײַבער און פּלאַסטיקער מיט משה בראָדערזאָן בראש[17]. אין לאָדזש וווינען עטלעכע שרײַבער, ווי דער ייִדיש־העברעיִשער פּאָעט און דראַמאַטורג יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט זײַן חורבן[18]־פּאָעמע *דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק*[19].

**ד**אָס קולטורעלע לעבן אַנטוויקלט זיך ווײַטער נאָך פּוילנס אומאָפּהענגיקייט[20] אין 1918. אין לאָדזש עקזיסטירן דעמאָלט ייִדישע פֿאַרלאַגן[21], ווי דער פֿאַרלאַג לאַזאַר קאַהאַן, און אַ נעץ ייִדישע שולן, וועלטלעכע און רעליגיעזע. אין 1927 גרינדט משה בראָדערזאָן דעם קליינקונסט־טעאַטער „אַררט“[22], ווו עס טרעטן אַרויס[23], צווישן אַנדערע, צוויי באַוווּסטע קאָמיקער, דזשיגאַן און שומאַכער.

אין די דרײַסיקער יאָרן דערגרייכט די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון לאָדזש איבער 200 000 מענטשן, אַן ערך 30% פֿון אַלע אײַנוווינערס.

**ד**עם 8טן סעפּטעמבער 1939 באַזעצט די דײַטשישע אַרמיי די שטאָט און אין פֿעברואַר 1940 ווערט אײַנגעפֿירט די געטאָ, וואָס פֿאַרנעמט פֿיר קוואַדראַט קילאָמעטער. פֿאַרן אָנפֿירער פֿון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע באַשטימען די דײַטשן אַ געזעלשאַפֿטלעכן טוער[24] מרדכי חיים[25] רומקאָווסקי. זײַן ראָלע אין געטאָ רופֿט אַרויס ביז הײַנט צו טאָג אַ סך קאָנטראָווערסיעס. רומקאָווסקיס סטראַטעגיע כּדי אויפֿצוהאַלטן[26] די געטאָ אַזוי לאַנג ווי מעגלעך איז זי ניצלעך צו מאַכן[27] פֿאַר די דײַטשן. ער שאַפֿט עטלעכע קליינע פֿאַבריקן, אין וועלכע עס אַרבעט די גרויסע מערהייט פֿון די ייִדן. אפֿשר איז דאָס די סיבה[28], אַז די לאָדזשער געטאָ ווערט ליקווידירט ווי די לעצטע געטאָ אין פּוילן, ערשט אין אויגוסט 1944.



▲ קינדער פֿון אַ לאָדזשער ייִדישער שול אין 1903



▶ שלמה אײַזענשטאַרק (שפּעטער אַ ייִדישער אַקטיאָר) מיטן טאַטן. דער טאַטע האַלט אין די הענט דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט“

אין לאָדזשער געטאָ זענען די לעבנס־באַדינגונגען[29] זייער שווער, עס הערשט הונגער, קרענק און ענגשאַפֿט[30]. אַחוץ לאָדזשער ייִדן באַזעצט מען דאָרטן אויך ייִדן פֿון דײַטשלאַנד, עסטרײַך און טשעכאָסלאָוואַקיע. אין געטאָ שאַפֿט מען אויך אַ קליינעם לאַגער פֿאַר פֿינף טויזנט ציגײַנער, וואָס ווערן אָבער גיך פֿאַרשיקט[31] קיין אוישוויץ און אומגעברענגט[32].

**א**ין לאָדזשער געטאָ פּרוּווט מען אָבער אויפֿצוהאַלטן דאָס קולטורעלע לעבן. אַחוץ דער אָפֿיציעלער געטאָ־צײַטונג און מוזיק־אָוונטן עקזיסטירן אויך געהיימע[33] שרײַבערקרײַזן, וואָס דער גרעסטער פֿון זיי איז דער קרײַז אַרום דער דיכטערין מרים אולינאָווער, דער מחברטע[34] פֿון אַ לידערבוך *דער באָבעס אוצר*[35]. צו דעם קרײַז געהערן, צווישן אַנדערע, ישעיהו[36] שפּיגל, חווה

[סוף זײַט 12]

6. tisserands/weavers 7. ateliers/workshops 8. surnom/nickname 9. habitants/inhabitants 10. courtiers/brokers 11. commerçants, négociants/merchants 12. boutiquiers/shopkeepers 13. … IKER surtout/above all 14. entreprises/businesses 15. un pauvre faubourg juif de Lodz/a poor Jewish suburb of Lodz 16. Bund, Union des Travailleurs Juifs, mouvement socialiste fondé en 1897/Jewish Workers’ Union, socialist movement founded in 1897 17. BEROSH à sa tête/at the head 18. KHURBN Shoah 19. … OYSGEHARGETN … *Chant du peuple juif assassiné/Poem of the Murdered Jewish People* 20. indépendance/independence 21. maisons d’édition/publishing houses 22. … ARARAT le café-théâtre Ararat/cabaret theater Ararat 23. se produisent/appear 24. responsable communautaire/community leader 25. MORDKHE KHAIM 26. préserver/maintain 27. le rendre utile/to make it useful 28. SIBE cause/reason 29. conditions de vie/living conditions 30. promiscuité/crowding 31. déportés/deported 32. assassinés/murdered 33. secrets/secret 34. MEKHABERTE auteur (*fém.*)/author (*fem.*) 35. … OYTSER *Le trésor de Grand-mère/Grandmother’s treasure* 36. YESHAYE

# די ברידער אַשכּנזי[1]

פֿון י. י. זינגער

דער באַוווּסטער ראָמאַן פֿון י. י. זינגער „די ברידער אַשכּנזי“, געשריבן אין די יאָרן 1935–1937, איז אַ גרויסע סאַגאַ פֿון אַ ייִדישער לאָדזשער משפּחה אין 19טן און אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. עס איז אָבער גלײַכצײַטיק[2] די געשיכטע פֿון לאָדזש, פֿון איר סאַמע אָנהייב אין די יאָרן 1830, ווען די דײַטשע וועבער[3] זענען אָנגעקומען מיט זייערע וועבשטולן[4] קיין פּוילן און זיך באַזעצט אינעם שטעטל לאָדזש (דעמאָלט אונטער צאַרישער הערשאַפֿט[5]), איבער די יאָרן פֿון אינדוסטריאַליזירונג און וווּקס ביז דער צײַט נאָך פּוילנס אומאָפּהענגיקייט[6]. אין די ווײַטערדיקע פֿראַגמענטן זעט מען, צווישן אַנדערע, דעם מולטיקולטורעלן כאַראַקטער פֿון דער שטאָט, ווו עס וווינען לעבן אַנאַנד[7] פּאָלאַקן, ייִדן, דײַטשן און רוסן.

אין לאָדזש זענען די געשעפֿטן זייער גוט געגאַנגען. דאָס שטעטל איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. נאָך די ערשטע ייִדן, וואָס האָבן געקריגן פּריווילעגיעס צו עפֿענען וועבערײַען[8] [...], האָבן אַ סך ייִדן, פּראָסטע[9], באַלעבאַטישע[10], גענומען פֿאַרלייגן[11] וועבערײַען איינער נאָכן אַנדערן. די רוסישע באַאַמטע[12], וואָס זענען איצט אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין לאַנד, נאָך דעם ווי די קאָזאַקן האָבן דעם אויפֿשטאַנד פֿון די פּריצים[13] דערדריקט, האָבן זייער גערן[14] גענומען כאַבאַר[15] און מתּנות[16] פֿון די ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט אַרבעטן און לעבן. זיי האָבן געקוקט דורך די פֿינגער אויף די ייִדישע וועבערײַען, וואָס האָבן געקלאַפּט פֿריילעך אויף אַלטשטאָט[17], כאָטש די דײַטשן האָבן די ייִדישע וועבער נישט אַרײַנגענומען אין צעך[18]. [...]

אין אָנהייב האָבן [די ייִדישע בעל־הבתּים[19]] גענומען דײַטשן צו דער אַרבעט. די דײַטשע אָרעמע וועבער [...] זענען גערן געגאַנגען צו די ייִדן אַרבעטן, גערנער ווי צו די דײַטשע מײַסטערס. די ייִדן האָבן נישט פֿאַרלאַנגט פֿון די אַרבעטער, זיי זאָלן זיי קושן אין האַנט יעדן פֿרימאָרגן. [...] זיי האָבן נישט געשלאָגן, ווען זיי האָבן געפּאַקט בײַ אַן אַרבעטער אין קעשענע אַ ביסל אַראָפּגעגנבֿעטע[20] וואָל[21]. זיי האָבן עס בלויז אַרויסגענומען און אַוועקגעוואָרפֿן צוריק אויפֿן אָרט. אין די שבת־צו־נאַכטסן[22] זענען די דײַטשע אַרבעטער געזעסן אין די קיכן פֿון ייִדישע מײַסטערס, געוואַרט אויף לוין[23], געריכערט ליולקעס, געשפּיגן און דורכגערעדט זיך מיט די ווײַבער און קינדער אין ריינסטן ייִדיש.
– ר' בעל־בית[24], – האָבן זיי געיאָגט די בעל־הבתּים, [...] גיט די עטלעכע גולדן. באַלד וועט מען פֿאַרמאַכן די שענקען.

ביסלעכוויַיז האָבן ייִדישע ייִנגלעך, בחורים[25] און אַפֿילו באַווײַבטע[26] גענומען קומען פֿון די שטעטלעך און אויסגעלערנט זיך די אַרבעט. [...] אין די הונדערטער זענען זיי איצט געשטאַנען בײַ די שטולן. מיט יאַרמלקעס[27] אויף די קעפּ, מיט טלית־קטנס[28] איבער די צײַגענע[29] הויזן, מיט צויטן בײַנוול[30] אין די געקרײַזלטע האָר און אין די שפּראָצנדיקע בערדלעך, האָבן זיי מיט פֿלינקע הענט געוועבט וואָלענע און בײַנוולנע סחורות[31] און ווײַבערישע טיכער פֿון פֿאַרטאָג ביז אין דער נאַכט אַרײַן. [...] די בעל־הבתּים זענען אַרומגעגאַנגען [...] און אונטערגעיאָגט די געזעלן[32] יעדעס מאָל, ווען איינער פֿון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּווישן דעם שווייס פֿון שטערן אָדער פֿאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס. [...]

לאָדזש האָט געהוליעט[33]. די שטאָט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה[34]. מע האָט געהאַלטן אין איין בויען, מויערן[35]. אויסלענדער זענען געקומען אָפּט, אַלערליי רײַזנדע, האַנדלס־פֿאָרשטייער. פֿון דײַטשלאַנד זענען כּסדר געקומען אינזשינירן,

[סוף זײַט 4]



▲ דער שרײַבער ישׂראל־יהושע זינגער (1893–1944).

1. ASHKENAZI 2. en même temps/at the same time 3. tisserands/weavers 4. métiers à tisser/looms 5. domination tsariste/czarist rule 6. indépendance/independence 7. côte à côte/side by side 8. filatures/weaving plants 9. petites gens/common folk 10. BALEBATISHE aisés/well-to-do 11. établir, fonder/establish, set up 12. fonctionnaires/officials 13. PRITSIM seigneurs, propriétaires terriens/lords, landowners (*sing.* PORETS) 14. volontiers, de bon cœur/willingly, gladly 15. pots-de-vin/bribes 16. MATONES cadeaux/gifts 17. dans la Vieille Ville (un quartier pauvre de Lodz)/in the «Old City» (a poor quarter of Lodz) 18. corporation/guild 19. BALEBATIM patrons, propriétaires/bosses, owners (*sing.* BALEBOS) 20. AROPGEGANVETE volé/stolen 21. laine/wool 22. SHABES-... samedis soir/Saturday evenings 23. salaire, paye/wages 24. REB BAL(E)BOS monsieur le patron/“mister” boss 25. BOKHERIM *ici* : (hommes) célibataires/*here:* bachelors 26. (hommes) mariés/married (men) 27. calottes/skullcaps 28. TALES-KOTNS sous-vêtement rituel des hommes juifs/ritual undergarment worn by Jewish males 29. d’étoffe bon marché/of coarse cloth 30. mèches de coton/tufts of cotton 31. ...SKHOYRES tissus de laine et de coton/ woolen and cotton cloth 32. ouvriers (compagnons)/weavers (journeymen) 33. s’amusait, se distrayait/was jumping, was amusing itself 34. sho heure/hour 35. construire (murs, murailles)/building (brick walls)

# דער מלך[1]
# און דער לץ[2]

אין די ראַמען[3] פֿון דער לאָדזשער פּראָגראַם איז פֿאָרגעקומען אַ ציקל וואַרשטאַטן[4] וועגן דער ראָלע פֿון לידער אין לאָדזשער געטאָ, אָנגעפֿירט דורך גילה[5] פֿלאַם, די דירעקטאָרשע פֿון דער נאַציאָנאַלער מוזיק־ביבליאָטעק אין ירושלים און אויך די מחברטע[6] פֿון אַ בוך וועגן אָט דער טעמע. בײַם לעצטן וואַרשטאַט האָט זי געוויזן אַ פֿילם, „דער מלך און דער לץ"[7] געמאַכט אין ישׂראל פֿון יוסי גודרד[8]. עס דערציילט די געשיכטע פֿון מרדכי חיים רומקאָווסקין[9], דעם אָנפֿירער פֿונעם יודענראַט אין געטאָ (דער „מלך") און יאַנקל הערשקאָוויטש[10], „דעם טרובאַדור פֿון געטאָ", (דער „לץ"). דער פֿילם איז אויף עבֿרית[11] און מישט אויס אַרכיוון־מאַטעריאַל, אַקטיאָרן־שפּיל און אַנימאַציע־בילדער[12]. רענע קאַלושינסקי גיט איבער איר פּערזענלעכן בליק אויף דעם פֿילם.

גילה פֿלאַם האָט אונדז דערקלערט ווי וויכטיק די לידער זענען געווען פֿאַר דער באַפֿעלקערונג פֿון געטאָ. אין די לידער זענען אַרײַנגעפֿלאָכטן[13], אַ מאָל אַפֿילו מיט הומאָר, אַלע פּרטים[14] פֿון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. זי האָט געוויזן בילדער ווי מע זעט יאַנקל הערשקאָוויטש, וואָס זינגט אויף אַ לאָדזשער גאַס. זי האָט געלאָזט הערן קאַסעטן אין וועלכע לעבן־געבליבענע פֿון לאָדזשער געטאָ זינגען די לידער מיט ציטערנדיקע שטימען. אַלץ איז געווען אינטערעסאַנט און רירנדיק[15]. נאָר פֿאַר וואָס האָט זי אונדז געוויזן אַזאַ פֿילם? אויף די טראַגישע שוואַרץ־ווײַסע (עס גלוסט זיך מיר צו שרײַבן די גרויע) בילדער פֿון געטאָ האָט מען צוגעגעבן פֿאַרבן – דאָ אַ ביסל רויט, דאָרט אַ ביסל בלוי; די מגן־דודן[16] וואָס מענטשן האָבן געטראָגן אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע האָבן אַ מאָל ליכטיק געשײַנט; אַ לץ אין גרין מיט אַ רויט היטעלע האָט פֿריילעך געזונגען אין עבֿרית הערשקאָוויטשעס לידער, ווי אין אַן אָפּערעטקע. און אין דער לופֿטן האָבן געפֿלאַטערט[17] ווי פֿייגעלעך די געלע לאַטעס. אַלץ אַוודאי אָן אַ ייִדיש וואָרט – און אָן אַ ייִדישן טעם[18].

ס'איז אמת, האָט אונדז געזאָגט גילה פֿלאַם, אַז דער פֿילם איז נישט געפֿעלן די, וואָס האָבן דורכגעלעבט די ביטערע יאָרן. אָבער ער ווערט געוויזן די שולקינדער אין ישׂראל און זעט אויס אַז עס געפֿעלט זיי. אָך און ווײ צו דער געשיכטע, אויב זי ווערט אַזוי איבערגעגעבן דאָרטן… הערשקאָוויטשעס לידער האָט מיר געזונגען יאָסעלע ווײַסבלאַט באַלד נאָך דער מלחמה[19]. אַזוי האָב איך אָנגעהויבן זיך צו דערוויסן פֿון לעבן אין געטאָ און אין בירקענאַו, ווו




יאָסעלע איז געווען צוזאַמען מיט זײַן חבֿר[20] יאַנקל הערשקאָוויטש. ווען הערשקאָוויטש האָט זיך גענומען דאָס לעבן אין 1972 האָט ווײַסבלאַט צוזאַמענגעקליבן אַלע לידער און אין 1994 זײ אַרויסגעגעבן אין בוכפֿאָרעם[21] ווי אַ גײַסטיקן דענקמאָל.

רענע קאַלושינסקי

1. MEYLEKh roi/king 2. LETs bouffon/jester 3. dans le cadre/as part of the 4. ateliers/workshops 5. GILA 6. MEKhABERTE auteur (*fém.*)/author (*fem.*) 7. *Le roi et le bouffon* (Israël, 1999)/*The King and the Jester* (Israel, 1999) 8. Yossi Godard 9. MORDKhE KhAIM… Mordechai Chaim Rumkowski (1877-1944) 10. Yankl Hershkovitsh (1910-1972) 11. IVRIT 12. dessins animés/cartoon figures 13. entremêlés/woven into 14. PROTIM détails (*sing.* PRAT) 15. touchant/moving 16. MOGN-DOVIDN étoiles de David/Stars of David 17. voleté/fluttered 18. TAM saveur, *ici* esprit/taste 19. MILKhOME guerre/war 20. KhAVER ami/friend 21. יאַנקל הערשקאָוויטש, *דער געזאַנג פֿון לאָדזשער געטאָ* (פּאַריז, 1994).



▲ די גרויסע שול פֿון וואָלבאָרסקאַ גאַס אין לאָדזש אין 1937

רומקאָווסקיס בילד אויף אַ קאַלענדאַר געדרוקט אין לאָדזשער געטאָ ◄

[סוף פֿון זײַט 3]

מײַסטערס. פֿון ענגלאַנד זענען כעמיקער אָנגעקומען, מוסטער־צייכענער[36]. פֿון רוסלאַנד האָבן גרויסע סוחרים[37], קאַצאַפּעס[38] אין בלויע קאַפּאָטעס און אין ברייטע הויזן איבער קורצע, לאַקירטע שטיוול, געצויגן אַהער און געהאַנדלט און געהוליעט. ייִדישע וואָיאַזשאָרן, קאָמיסיאָנערן, אַגענטן, פֿריילעכע יונגען, וויצלער, הוליאַקעס[39] האָבן זיך וואָס מער באַזעצט אין שטאָט. לאָדזשער יונגע־לײַט האָבן גענומען אָנטאָן זיך גויִשע קליידער, אָפּגאָלן די בערד. רעסטאָראַנען, קאַבאַרעטן, שפּיל־הײַזער האָבן זיך געעפֿנט אַלע מאָל נײַע און זענען פֿול געווען מיט געסט. אונגאַרישע טענצערינס האָבן אָנגעשמעקט די נײַע גאָלדשטאָט און געקומען דאָ פֿאַרברענגען. וואַנדערנדיקע טרופּעס, צירקן, האָבן געצויגן פֿון וואַרשע, פּעטערבורג, בערלין און בודאַפּעסט. רוסישע באַאַמטע, אָפֿיצירן, האָבן גענומען כאַבאַר, פֿאַרקויפֿט אויף עבֿירות[40], געשיכּורט[41], געהוליעט, און געוואָרפֿן מיט געלט. לאָדזש האָט געטרונקען, געזונגען, געטאַנצט, אַפּלאָדירט אין די טעאַטערס, געזינדיקט אין די פֿריילעכע הײַזער[42], און געשפּילט אין קאָרטן.

36. dessinateurs textiles/textile-designers 37. SOKhRIM commerçants/merchants 38. Russes (*péj.*)/*derrogatory term for* Russians 39. fêtards/revelers 40. …AVEYRES פֿאַרקויפֿט אומלעגאַל 41. GEShIKERT se soûlaient/got drunk 42. maisons closes/brothels.

# לאָדזשער יזכּור־ביכער[1]

אַ יזכּור־בוך איז אַן אָנדענקבוך נאָך אומגעקומענע[2]. טראַדיציאָנעל פֿלעגט מען שרײַבן אַזעלכע ביכער נאָך אַ פּאָגראָם צי אַן אַנדער מין קאַטאַסטראָפֿע. הײַנט צו טאָג מיינט עס ספּעציעל אַ בוך געשריבן אין אָנדענק פֿון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך וואָס זײַנען צעשטערט[3] געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה[4]. ניקי האַלפּערן (אוניווערסיטעט פּאַריז 7) האַלט אין פֿאָרשן וועגן דער טעמע יזכּור־ביכער מיט אַ באַזונדערן אינטערעס פֿאַר לאָדזש, וואָס פֿאַרמאָגט אַזש[5] דרײַ יזכּור־ביכער.

אַ דאַנק ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר[6] האָבן מיר אַרום 700 אויסערגעוויינט־לעכע פּאָרטרעטן פֿונעם לעבנס־שטייגער אין מיזרח־אייראָפּע[7] פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער מין זאַמלונג הייסט אַ יזכּור־בוך. אַזאַ זשאַנער, לויט דער הײַנטיקער דעפֿיניציע, הייבט זיך אָן נאָך דער מלחמה, צום אָנדענק פֿון די ייִדן וואָס זענען אומגעקומען אין חורבן[8] און די צעשטערטע ייִדישע קהילות[9]. אַרויסגעגעבן פֿון אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט[10] (געזעלשאַפֿט פֿון אימיגראַנטן וואָס שטאַמען פֿון איין אָרט) איז אַ יזכּור־בוך אַ קאָלעקטיווע אַרבעט. ס׳רובֿ[11] מחברים[12] זײַנען מיטגלידערס, אי די וואָס זײַנען אַוועק פֿון דער היימשטאָט פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אי די שארית־הפליטה[13]. אַזוי זײַנען די מעמואַרן און עסייען מערסטנס אַ פֿאָלקסטימלעכער פּראָדוקט. אַ מאָל נעמט מען אַרײַן לידער, פֿאָטאָגראַפֿיעס, פּאָסטקאַרטלעך, מאַפּעס און צייכענונגען.

יעדעס בוך איז געווידמעט דער געבוירן־שטאָט. די מיטגלידער גיבן עס אַרויס אַליין – זיי האָבן עס געשריבן, געזאַמלט, געדרוקט... און נאָך דעם פֿאַרקויפֿט צווישן זיך. אָבער מע דאַרף נישט זײַן קיין לאַנדסמאַן צו לייענען יזכּור־ביכער און אָפּצושאַצן[14] וואָס פֿאַר אַן אוצר[15] זיי זײַנען, בפֿרט[16] אויב מע וויל זיך לערנען ווי אַזוי איז געווען דאָס לעבן, טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אין די הונדערטער ייִדישע שטעטלעך וואָס זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָן קיין אַנדער שפּור.

די באַצייכענונג[17] יזכּור־בוך אַליין גיט צו פֿאַרשטיין אַז ס׳איז דאָ אַ שײַכות[18] מיט דער תּפֿילה[19] יזכּור[20], וואָס דערמאָנט דעם אָנדענק פֿון אַלע געשטאָרבענע. אַזוי אַרום איז אַ יזכּור־בוך אַן אויסדרוק פֿון הייליקע און וועלטלעכע התחייבֿותן[21], צו די געשטאָרבענע, צו די לעבן געבליבענע און אויף להבא[22].

די גרויסע שטאָט לאָדזש האָט זוכה געווען[23] צו דרײַ יזכּור־ביכער – דערווײַל ! און מיט זיי דערציילט מען צוויי געשיכטעס : וועגן לאָדזש און אירע ייִדן, און אויך די געשיכטע פֿון יזכּור־ביכער.

נאָך בשעת[24] דער מלחמה, אין 1943, האָט אַ גרופּע לאָדזשער ייִדן אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן דאָס *לאָדזשער יזכּור־בוך* . דאָס בוך איז גאָר באַזונדער, אי צוליב זײַן פּובליקאַציע־דאַטע אי מחמת[25] זײַן אינהאַלט. מע געפֿינט דאָרטן די געשיכטע פֿון ייִדישן לאָדזש (רבנישע[26] דינאַסטיעס, אַרבעטער־

[סוף זײַט 9]

1. YIZKER-… *sing*. יזכּור־בוך livre de souvenir/memorial book 2. péris, assassinés/(people) perished, killed 3. détruits/destroyed 4. …-MILKhOME deuxième guerre mondiale/Second World War 5. pas moins de/no less than 6. des gens ordinaires/ordinary people 7. MIZREKh-… Europe de l'Est/Eastern Europe 8. KhURBN Shoah 9. KEHILES communautés juives/Jewish communities 10. amicale des immigrants originaires d'une même localité/fraternal society of immigrants from one locality 11. S'ROV la plupart de/most 12. MEKhABRIM auteurs/authors 13. SHEYRES-HAPLEYTE survivants/survivors 14. apprécier/appreciate 15. OYTSER trésor/treasure 16. BIFRAT surtout/especially 17. désignation 18. ShAYKhES rapport/relationship 19. TFILE prière/prayer 20. YIZKER prière pour les morts/prayer for the dead 21. HISKhAYVESN devoirs/duties 22. … LEHABE pour l'avenir/for the future 23. ZOYKhE … a été honoré de/was worthy of, had the honor of 24. BESHAS pendant/during 25. MAKhMES à cause de/because of 26. RABONIShE rabbiniques/rabbinic




▲ הילע פֿון לאָדזשער יזכּור־בוך אַרויסגעגעבן אין מעלבורן אין 1974

## אַ שטיקל ביבליאָגראַפֿיע

- גאָלדקאָרן, יצחק[1], *לאָדזשער פּאָרטרעטן : אומגעקומענע ייִדישע שרײַבער און טיפּן*, תּל־אָבֿיבֿ, 1963
- הערץ, שלום[2], *די געשיכטע פֿון בונד אין לאָדזש*, ניו־יאָרק, 1958
- טרונק, ישעיה[3], *לאָדזשער געטאָ : אַ היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע שטודיע*, ירושלים/ניו־יאָרק, 1962
- טרונק, יחיאל[4]־ישעיה, *פּוילן – זכרונות[5] און בילדער*, ב' 6 און 7 : *לאָדזש צווישן ביידע וועלט־מלחמות[6]*, ניו־יאָרק, 1951
- יאַסני, וואָלף, *די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש*, לאָדזש, 1937
- יאַסני, וואָלף, *די געשיכטע פֿון ייִדן אין לאָדזש אין די יאָרן פֿון דער דײַטשער ייִדן־אויסראָטונג[7]*, ב' 1-2, תּל־אָבֿיבֿ, 1966/1960
- פֿוקס, חיים־לייב, *לאָדזש של מעלה,[8] : דאָס ייִדישע גײַסטיקע און דערהויבענע לאָדזש*, תּל־אָבֿיבֿ, 1972

1. YITSKhOK 2. ShOLEM 3. YEShAYE 4. YEKhIEL 5. ZIKhROYNES mémoires/memories 6. MILKhOMES guerres/wars 7. extermination 8. ShEL MAYLE céleste, *ici* : spirituel/celestial, *here:* spiritual

# די ייִדן אין שפּאַנישער בירגערקריג[1] ווערן נישט פֿאַרגעסן

פֿון שׂרה־רחל[2] שעכטער (ניו־יאָרק)

דער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט דער אָרגאַניזירונג פֿון די אינטער־נאַציאָנאַלע בריגאַדעס נאָכן אויסבראָך פֿונעם שפּאַנישן בירגערקריג אין 1936, און ענדיקט זיך מיט אַ באַשרײַבונג פֿון אַ געדענקשטיין[3] וואָס מע האָט אויפֿגעשטעלט מיט די נעמען פֿון די ייִדישע געפֿאַלענע אין שלאַכט[4]. דער פֿראַגמענט וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן איז אַ דערמאָנונג פֿון יחיאל[5] שולעוויטש, אַ געוועזענער קעמפֿער אין די בריגאַדעס.

יחיאל שולעוויטש, אַ ייִד וועלכער וווינט די לעצטע 20 יאָר אין ניצע, פֿראַנקרײַך, האָט בעת אַ וויזיט אין ניו־יאָרק דערציילט, אַז ער איז אויך געווען אַ סאָלדאַט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און האָט געקעמפֿט אין דער באַרימטער שלאַכט בײַ גוואַדאַלאַכאַראַ. שולעוויטש – ווי אַ סך אַנדערע ייִדן



► י. שולעוויטש מיט אַ חבֿר אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס

אין יענער צײַט – האָט געהאָפֿט, אַז דורך זײַן באַטייליקונג אין דער מלחמה קעגן פֿראַנקאָ וועט ער העלפֿן צעשמעטערן[6] די געפֿערלעכע פֿאַשיסטישע כּוחות[7] נישט נאָר אין שפּאַניע, נאָר אויך אין דײַטשלאַנד.

שולעוויטשעס משפּחה האָט אָבער נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס אַ ייִדישער בחור פֿון אַ גערער חסידישער משפּחה[8], וועמענס זיידע איז געווען אַ קאָצקער חסיד[9], זאָל גאָר אָנטאָן אַ מונדיר[10] און זיך גיין שלאָגן אויף פֿראָנט. אין מײַ 1939 שרײַבט שולעוויטשעס ברודער: „איז דען כּדאַי זיך מקריבֿ צו זײַן[11] פֿאַר שפּאַניע?“ שולעוויטש האָט צוריקגעשריבן: „ס׳וווּנדערט מיר, וואָס אַ מענטש ווי דו, וואָס האָט אַן אידעאַל, זאָל דאָס נישט פֿאַרשטיין. מע דאַרף איצט קעמפֿן קעגן אונדזער גרעסטן שׂונא[12] – די פֿאַשיסטן. כ׳האָב מורא, אַז איר וועט באַלד פֿילן אויף אײַערע פּלייצעס די שרעקלעכע חיהשע נעגל[13] פֿון די ׳עס־עס׳.“ מיט פֿיר חדשים[14] שפּעטער האָבן די נאַציס באַמבאַרדירט פּוילן.

דעם 23סטן מערץ 2001, ז. 18

1. guerre civile espagnole/Spanish Civil War 2. SORE ROKHL 3. plaque commémorative/commemorative stone 4. bataille/battle 5. YEKHIEL 6. briser/crush 7. KOYKHES forces 8. ... KHSIDISHER MISHPOKHE disciples du rabbin de Guer/followers of the rabbi of Ger 9. ... KHOSID disciple du rabbin de Kotsk/follower of the rabbi of Kotsk 10. uniforme/military uniform 11. ... MAKRIV ... se sacrifier/sacrifies oneself 12. SOYNE ennemi/ennemy 13. KHAYISHE ... griffes barbares/savage claws 14. KHADOSHIM mois/months (*sing.* KHOYDESH חודש).

# פֿראַנקרײַך – סאָציאַליסט מעיאָר[1] פֿון פּאַריז



בערטראַן דעלאַנאָע, דער נײַער פּאַריזער בירגער־מײַסטער ◄

פּאַריז. – די וויילער[2] אין דער שטאָט פּאַריז האָבן אין די וואַלן[3] פֿון זונטיק, דעם 18טן מערץ, אין דער לעצטער וואַלרונדע[4], דערוויילט[5] אַ סאָציאַליסט פֿאַר מעיאָר פֿון פּאַריז, צום ערשטן מאָל אין איבער הונדערט יאָר. דער סאָציאַליסטישער זיג[6] ווערט באַטראַכט ווי אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿאַרן קאָנסערוואַטיוון פּרעזידענט פֿון לאַנד, זשאַק שיראַק, וועלכער איז פֿריִער כּמעט 20 יאָר געווען מעיאָר פֿון פּאַריז.

אַ סך אָבסערוואַטאָרן האַלטן, אַז די הויפּט־סיבה[7] פֿון זיג פֿונעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט, בערטראַנד דעלאַנאָע,

1. maire *(terme américain)*/mayor *(American term)* אויף ייִדיש זאָגט מען אויך בירגער־מײַסטער 2. électeurs/voters 3. élections 4. tour (élection)/round (of elections) 5. ont élu/elected 6. victoire/victory 7. ... SIBE raison principale/main reason

איז געווען דער כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. [...]

שוין אין דער ערשטער וואַלרונדע, מיט אַ וואָך פֿריִער, האָט דער קאָנסערוואַטיווער קאַנדידאַט באַקומען 31.4 פּראָצענט שטימען[8]. אין דער לעצטער רונדע האָט אָבער אַ פֿאַראייניקטע לינקע קאָאַליציע געוווּנען 89 פֿון די 163 ערטער[9] אין דעם שטאָטראַט[10].

אַפֿילו דער מעסיקער[11] זיג פֿון סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט וועט זײַן אַ גרויסע הילף פֿאַרן סאָציאַליסטישן פּרעמיער־מיניסטער ליאָנעל זשאָספּען, וועלכער וועט קאַנדידירן קעגן שיראַקן אין די פּרעזידענט־וואַלן דעם קומענדיקן יאָר. [...]

דעם 23סטן מערץ 2001, ז. 3

8. voix/votes 9. sièges/seats
10. conseil municipal/city council
11. modéré/moderate.

# „קרואַסאָן“־בייגעלעך האָבן אַ פּאָליטישע געשיכטע

די פֿראַנצויזן זענען באַקאַנט מיט זייערע „קרואַסאָן“־בייגעלעך, אָבער די ערשטע קרואַסאָנען זענען געמאַכט געוואָרן דווקא[1] אין עסטרײַך, נישט אין פֿראַנקרײַך. געשען איז דאָס אינעם יאָר 1683. די אָטאָמאַנישע טערקן האָבן געהאַט באַפֿאַלן[2] ווין[3], און ס'איז געוואָרן אַ גרויסער הונגער אין לאַנד. אין משך פֿון[4] 58 טעג זענען טויזנטער עסטרײַכער געשטאָרבן פֿאַר הונגער. די בעקערס האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט צו באַזאָרגן[5] די שטאָט מיט ברויט. ווען דער עסטרײַכישער צד[6], דורך אַ קאָאַליציע מיט אַנדערע לענדער, האָט צום סוף צעקלאַפּט די טערקן, האָט די עסטרײַכישע קייסערינע געוואָלט באַלוינען[7] די בעקערס פֿאַר זייער הילף. זי האָט זיי געגעבן אַ דערלויבעניש צו שאַפֿן אַ געבעקס וואָס זאָל רעפּרעזענטירן דעם עסטרײַכישן נצחון[8] איבער די טערקן. די



בעקערס האָבן אויסגעטראַכט אַ פּוטער־בולקע[9] אין דער פֿאָרעם פֿון אַ האַלבער לבֿנה[10] – דער סימבאָל, וואָס געפֿינט זיך אויף אַ טערקישער פֿאָן. גערופֿן האָט מען עס אַ *קיפּפֿל*. ווען די ווינער האָבן געגעסן די „האַלבע לבֿנות“, האָט עס בײַ זיי סימבאָליזירט עסטרײַכס „פֿאַרשלינגען“ די אַטאַקירנדיקע טערקישע אַרמיי. דאָס *קיפּפֿל* איז גלײַך געוואָרן אַ באַליבט געבעקס סײַ בײַ די הויפֿלײַט[11], סײַ בײַ די פּויערים. דאָס *קיפּפֿל* איז אַרײַן אין פּאַריז דורך מאַרי אַנטואַנעט. איר מוטער, די עסטרײַכישע קייסערינע מאַריאַ טערעזאַ, האָט חתונה געמאַכט די טאָכטער פֿאַרן 15־יאָריקן בכור[12] פֿונעם פֿראַנצייזישן קעניג. לכּבֿוד[13] דער נײַער עסטרײַכישער פּרינצעסין, האָבן די פֿראַנצייזישע בעקערס אָנגעהויבן באַקן דאָס *קיפּפֿל*, וואָס זיי האָבן אָנגערופֿן „קרואַסאָן“ – דאָס פֿראַנצייזישע וואָרט פֿאַר „האַלבע לבֿנה“. שפּעטער איז דער „קרואַסאָן“ באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט ווי אַ פֿראַנצייזיש פֿרישטיק־געבעקס.

דעם 20סטן אַפּריל 2001, ז. 20

1. DAFKE en fait/in fact 2. attaqué/attacked 3. Vienne/Vienna 4. ... MESHEKh... pendant/for 5. approvisionner/supply 6. TSAD côté, camp/side (*plur.* צדדיםTSDODIM) 7. récompenser/reward 8. NITSOKhN victoire/victory 9. petit pain au beurre/butter roll 10. ...LEVONE demi-lune/half moon 11. courtisans/courtiers 12. PKhOR fils aîné (le Dauphin)/eldest son 13. LEKOVED en l'honneur de/in honor of.


## יאָ, איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ..........................................

אַדרעס : ..................................................................................

..........................................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַזן :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער :

אויסגאַנג[4]־דאַטע :

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/E-mail.

# אַ פֿאַרבאָרגן־פֿאַרגעסענער קוואַל[1] :

## לידער פֿון לאָדזשער געטאָ

**דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט צוגעשיקט מרים טרין, וואָס שרײַבט איצט איר דאָקטאָר־אַרבעט וועגן די לידער וואָס מע האָט געשריבן אין געטאָס און לאַגערן אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.**

דער באַגריף *חורבן־ליטעראַטור* איז הײַנט צו טאָג גאָר באַוווּסט. זײַן פֿאַרשפּרייטקייט איז דער פּועל־יוצא[2] פֿון אַ ריי פּובליקאַציעס וועגן דער ליטעראַרישער שאַפֿונג אַרום דער היסטאָרישער דערפֿאַרונג פֿון ייִדישן חורבן אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער אויפֿמערק[3] פֿון ס'רובֿ[4] ליטעראַטור־פֿאָרשערס און אויך לייענערס ווענדט זיך[5] מערסטנס אויף טעקסטן געשריבענע *נאָך* 1945, וואָס זייערע מחברים באַווײַזן אַ ליטעראַרישן טאַלאַנט. די היסטאָריקער ווידער[6] פֿאַרנעמען זיך מיט זכרונות[7] פֿון לעבן־געבליבענע אָדער טאָגביכער פֿון די אָנגעווייטיקטע יאָרן – אַן אַנדער ברייטער צווײַג פֿונעם חורבן־זשאַנער. נאָר עס איז אויך פֿאַראַן שריפֿטן וואָס מע האָט אָנגעשריבן אי בעת דעם חורבן אי אין אַ בפֿירוש ליטעראַרישער פֿאָרעם, און צווישן זיי אַ סך אָפּגעהיטע[8] לידער פֿון געטאָס און לאַגערן. אָפֿט זײַנען זיי דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן פֿון מענטשן, וועמענס כּוונה[9] איז נישט נאָר געווען אָפּצוהיטן אַ בילד פֿון די היסטאָרישע געשעענישן נאָר מער פֿאַר אַלץ אויסצודריקן פּערזענלעכע באַטראַכטונגען[10] און אינעווייניקסטע איבערלעבונגען[11] אין פֿאַרבינדונג מיט דער טראַגעדיע וואָס די געשיכטע האָט אויף זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער באַטײַט פֿון אַזעלכע טעקסטן ווי אַ קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם פֿיזישן *און* גײַסטיקן ייִדישן לעבן בעתן חורבן. טאָ פֿאַר וואָס זשע האָט מען דעם דאָזיקן קוואַל ביז איצטער פֿאַרקוקט[12] ? דער תּירוץ[13] אַז קיין סך איז נישט אָפּגעפֿונען געוואָרן צײַגט נישט איבער[14].

ווער עס זוכט אין די אַרכיוון פֿאַלט אַרײַן אין אַ ים מיט מאַטעריאַלן. מיר ווילן דאָ דערמאָנען נאָר אַ טראָפּן פֿון ים, וואָס איז צונויפֿגעקליבן געוואָרן אין די אַרכיוון פֿון יד ושם[15] אין ישׂראל און אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט פֿון וואַרשע, און וואָס שפּיגלט אָפּ אַספּעקטן פֿונעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין לאָדזשער געטאָ. די לידער קען מען באַטראַכטן[16] לויט קריטעריעס ווי צום בײַשפּיל שפּראַך, טעמאַטישע מאָטיוון און ליטעראַרישע פֿעיִקייט פֿון מחבר. די לאָדזשער לידער זײַנען געשריבן געוואָרן מערסטנס אויף ייִדיש און פּויליש, אָבער אויך אויף דײַטש און העברעיִש. זיי רעפּרעזענטירן גלײַכצײַטיק די צוויי פּאָלוסן[17] פֿון דער דעמאָלטיקער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין פּוילן : די טראַדיציאָנעלע סבֿיבֿה[18] מיט מאַמע־לשון און די מער אַסימילירטע סבֿיבֿה מיט פּויליש פֿאַר אַ טאָג־טעגלעכער שפּראַך. לידער אין ביידע לשונות[19] קענען געבן אַ בילד פֿון דער השפּעה[20] פֿונעם קולטורעלן הינטערגרונט אויף דעם אופֿן[21] באַנעמען די ווירקלעכקייט[22] בײַ די אויטאָרן. זייער אינטערעסאַנט זײַנען די באַגריפֿן וואָס ווערן געשעפּט פֿון דער בשותּפֿותדיקער[23] *ייִדישער* קולטור און וואָס דריקן אויס[24] אַ פֿאָרעם פֿון קאָלעקטיוון ייִדישן באַוווּסטזײַן. צום אָפֿטסטן באַווײַזן זיך מאָטיוון ווי הונגער, נויט, קרענק, שווערע אַרבעט און טויט. די דרינגענדיקסטע[25] עקזיסטענציעלע פּראָבלעמען זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, די הויפּטטעמעס. זיי ווערן אָבער כּמעט שטענדיק פֿאַרבונדן מיט עטיש־פֿילאָסאָפֿישע געדאַנקען ווי יושר[26], גלויבן אין גאָט, די ראָלע פֿון ישׂראל ווי אַן אויסדערווײלט פֿאָלק און דער זין פֿון זײַנע יסורים[27]. אויפֿפֿאַלנדיק[28] זײַנען די פֿילצאָליקע שפּורן פֿון אָפּטימיזם וואָס דריקן זיך אויס אין הומאָריסטישע פֿאָרמען און פּאַראָדיעס.

דאָ צום בײַשפּיל אַ (ליבע)ליד צום ברויט :

**ברויט**

פֿון פֿאַרמעלטן[29] וואָגן,
אַז דו ווינקסט אַראָפּ,
שווינדלט אין די אויגן[30]
און כ'פֿאַרליר דעם קאָפּ.
שפּיר איך נאָר דײַן ריח[31],
דײַן ווונדער צויבער רייץ[32],
צאַפּל[33] איך גענאָגלט[34],
אויף שוואַרצן האַקנקרייץ[35].

[מאיר־בער גוטמאַן, 1942,
די ערשטע סטראָפֿע פֿון *ברויט*]

▼ דאָס שער־בלאַט פֿון דער העפֿט מיט אַ. גאָלדבערגס לידער פֿון לאָדזשער געטאָ




1. une source cachée et oubliée/a forgotten and hidden source 2. POYEL YOYTSE résultat/result 3. attention 4. SROV majorité/majority 5. se dirige/has focused on 6. *ici :* en revanche/*here :* on the other hand 7. ZIKHROYNES mémoires/memories 8. préservés/preserved 9. … KAVONE dont l'intention/whose intention 10. réflexions/reflections 11. expériences intimes/inner experiences 12. ignoré, négligé/overlooked 13. TERETS *ici* : explication/*here* : explanation 14. ne convainct pas/is not convincing 15. YAD VASHEM 16. aborder/examine 17. pôles 18. SVIVE milieu 19. LESHOYNES שפּראַכן 20. HASHPOE influence 21. OYFN façon/way 22. concevoir la réalité/conceive the reality 23. BESHUTFESDIKER partagé/shared 24. qui expriment/which express 25. les plus urgents/the most urgent 26. YOYSHER justice 27. YESURIM souffrances/suffering 28. frappant/striking 29. couvert de farine/flour-covered 30. la vue se trouble/I grow dizzy 31. REYEKH arôme, odeur/scent 32. charme, attrait, séduction/charm, attraction 33. je m'agite/I quiver 34. cloué/nailed to 35. croix gammée/twisted cross (Swastika)



▲ אַ גאַס פֿון לאָדזשער געטאָ אין יאָר 1940

מיר געפֿינען אויך האָפֿענונגען אויף צוקונפֿט און גלויבן אין גערעכטיקייט.

אין בלוט גייט אונטער – די זון פֿון מערבֿ
רעגנבויגנס כּישופֿן[36] אויף מיזרח
ס'שווימען אָפּ כוואַליעס פֿײַער.
און די ביימער אײַנגעהילט אין גאָלדענע עטרות[37]
שעפּטשען תּפֿילות בלחש[38].
מיט האָפֿענונג – נאָך דער נאַכט וועט די זון שײַנען...

[י. בריקס]

עס פֿעלט אויך נישט דער קריטישער קוק אויף זיך אַליין און אויף דער אייגענער קהילה. נישט זעלטן ווענדט זיך די קריטיק קעגן דעם ווערן אויס מענטש[39] און אָפּזאָגן זיך פֿון מאָראַלישע ווערטן. צום שאַרפֿסטן איז זי אין איראָניש־סאַטירישע אָדער גאָר סאַרקאַסטישע טעקסטן מיט טענות[40] קעגן די ייִדישע „היכע שישקעס[41]“ פֿון לאָדזשער געטאָ, מיט מרדכי־חיים רומקאָווסקי בראָש[42]. מיר געפֿינען אין די לידער אי פֿאַרביטערטקייט אי דעם רוף צו נקמה[43].

איר זײַט איצטער זאַט און ווייסט נישט פֿון קיין נויט
ווײַל איר האָט אײַערע נשמות פֿאַרקויפֿט.
[...] און ס'וועט קומען די צײַט,
וועלן מיר זײַן גרייט –
און אַ געשריי טאָן : „איר עקלהאַפֿטע בריאות[44] !
אין אויסוועג האָבן מיר פֿאַר אײַך :
גרויסע תּליות[45] !“

[דוד זיסמאַן, 1943]

אַסך לידער זענען פֿון דעמאָלט שוין באַקאַנטע שרײַבער. פֿאַראַן אויך מחברים וועמענס טאַלאַנט האָט אויפֿגעבליט דווקא אין די שווערע געטאָ־באַדינגונגען, למשל ירחמיאל בריקס, אַ יונגער פּאָעט וואָס איז אַרויסגעטראָטן מינדעסטנס דרײַ מאָל אין 1940 מיט אייגענע שאַפֿונגען אויף געהיימע ליטעראַרישע צוזאַמענטרעפֿן. געווען אויך שרײַבער וואָס האָבן זיך אַנטשלאָסן צו אַרבעטן פֿאַר פּרעזעס רומקאָווסקי. כּדי צו בלײַבן לעבן פֿלעגן זיי שרײַבן לויב־הימנען[46] צו אים. די אָפֿיציעלע געטאָ־צײַטונג (אַרויס מערץ־סעפּטעמבער 1941) האָט זיך געהאַט אַן אייגענעם פּאָעט פֿון דעם סאָרט : לייב בערמאַן, אַ לאָדזשער זשורנאַליסט, באַוווּסט פֿאַר דער מלחמה אונטערן פּעננאָמען „גראַף קאַלי“.

די געזונטע גיט ער אַרבעט –
יעדערן לויט זײַן באַרוף,
און די קראַנקע – מילך און פּוטער
אויסצוהיילן זייער גוף...

[ל. בערמאַן, 17.4.41 ; פֿראַגמענט פֿון *דער פּרעזעס – פֿאַר די קראַנקע*]

געשריבן האָבן יונג און אַלט, מאַמעס און קינדער, פּאָעטן און אַרבעטער. די ברייטע גאַמע באַווײַזט אַ שפֿע[47] פֿון גײַסטיק לעבן פֿון וועלכן ס'זײַנען געבליבן בלויז ניצוצות[48]. עס איז כּדאַי צו פּרוּוון פֿאַרשטיין די־אָ שפּורן מיט זייערע אייגנקייטן. איין באַדינג פֿאַר דעם איז : זיי אָפּגעפֿינען. ווײַל זײַן – זײַנען זיי דאָ.

*מרים טרין*

36. KIShEFN font de la magie/do their magic 37. ATORES bordures ornementales du châle de prières/ornamental collar of the prayer shawl 38. ...TFILES BELAKhESH murmurent des prières tout bas/they whisper silent prayers 39. contre la déshumanisation/against the loss of humanity 40. TAYNES reproches/reproaches 41. *iron.* notables/bigshots 42. BEROSH en tête/at the head 43. NEKOME vengeance/revenge 44. ...BRIES créatures répugnantes/loathsome creatures 45. TLIES potences/gallows 46. louanges/hymns of praise 47. ShEFE abondance/abundance 48. NITSOYTSES étincelles/sparks (*sing.* NITSETS).

[סוף פֿון זײַט 5]

קאַמפֿן, קולטור־לעבן...), צוזאַמען מיט באַריכטן פֿון עטלעכע אימיגראַנטן־פֿאַרבאַנדן, ווי אויך די *ניַיעס* וועגן דער לאָדזשער געטאָ, די דעפּאָרטאַציעס און די קרבנות[27]. *לאָדזשער יזכּור־בוך* איז דער ערשטער – און אויך דער סאַמע לעצטער – וואָס זאָגט אַרויס די האָפֿענונג אַז מע קען נאָך ראַטעווען די ייִדן אין אייראָפּע און אויפֿבויען נאָך אַ מאָל אַ ייִדיש לעבן אין לאָדזש.
געשריבן אויף ענגליש און ייִדיש, איז עס אַ דאָקומענט פֿון אַ באַזונדערן מאָמענט אין דער געשיכטע. אין 1974 אין מעלבורן (אויסטראַליע) האָט די לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפֿט אַרויסגעגעבן איר *ייִדיש לאָדזש : אַ יזכּור־בוך*. דאָס מאָל איז דער צוגאַנג[28] גאָר אַנדערש. דאָרטן ווי דאָס ערשטע יזכּור־בוך איז אַן אויפֿרוף[29] צו דער וועלט, אַ קוק אין דער צוקונפֿט, האָט דאָס צווייטע אַ מער אינערלעכן בליק און איז אין גאַנצן געווענדט צו[30] דער פֿאַרגאַנגענהייט. (מע דאַרף דאָ דערמאָנען אַז אויסטראַליע האָט זייער אַ גרויסע קהילה פֿון לעבן געבליבענע).
*ייִדיש לאָדזש* איז אויך געשריבן אויף ייִדיש, מיט אַ טייל אַרטיקלען אויף ענגליש און אויף העברעיִש.

ווײַטער, אין 1976 אין ירושלים[31], האָט מען פּובליקירט אין דער סעריע *פּנקס הקהילות*[32], דעם באַנד געווידמעט לאָדזש, אויף העברעיִש, מיט אַ ביסל ייִדיש... אַזוי ווי דאָס איז אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע[33], פּובליקירט פֿון יד ושם[34] און דערצו אויף העברעיִש, האָט עס פֿאַר די היסטאָריקער מער אויטאָריטעט ווי די צוויי אַנדערע.
איך האָב לעצטנס געהערט אַז הײַנט צו טאָג אין ניו־יאָרק פּלאַנירן די לעצטע מיטגלידער פֿון דער לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפֿט אַרויסצוגעבן נאָך איין יזכּור־בוך געווידמעט לאָדזש...

*ניקי האַלפּערן*

27. KORBONES victimes/victims 28. approche/approach 29. appel/appeal 30. tourné vers/turned toward 31. YERUShOLAIM Jérusalem 32. PINKAS HAKEHILOT *Chronique des communautés* (série consacrée aux communautés disparues dans la Shoah)/*Chronicle of communities* (series devoted to the Jewish communities destroyed in the Shoah) 33. publication 34. YAD VAShEM Mémorial de la Shoah (Jérusalem)/Holocaust Memorial (Jerusalem).

# אַ מאָל אין חדר...[1]

אינעם פֿאָלקלאָר־אוצר[2] פֿון אַשכּנז[3] פֿאַרנעמט דער חדר – די שטיפֿערישע[4] חדר־ייִנגלעך, דער מלמד[5] מיט זײַן קאַנטשיק[6], די רביצין[7], וואָס פּאָרעט זיך[8] אין קיך – אַ גאַנץ באַזונדער אָרט. נאָר וואָס גענוי איז דאָס געווען פֿאַר אַן אינסטיטוציע, ווי האָט זי פֿונקציאָנירט, וואָס האָט מען דאָרטן געלערנט ?

דאָס וואָרט חדר – פֿון העברעיִש „צימער“ – געפֿינט מען אין די אַלטע ספֿרים[9] זינט דעם 16טן יאָרהונדערט. אין שטעטל איז דער חדר געווען טאַקע אין איין צימער בײַם מלמד. אין חדר זײַנען געגאַנגען, פֿאַרשטייט זיך, בלויז ייִנגלעך. מיידלעך האָבן געלערנט אָדער אין דער היים, אָדער אַ מאָל אין אַ ספּעציעלן מיידל־חדר. זיי האָבן זיך געלערנט לייענען אין סידור[10], שרײַבן ייִדיש און אַ מאָל אַ ביסל אויך די לאַנדשפּראַך.

אין חדר האָט מען אָנגעהויבן צו גיין צו 3–4 יאָר[11]. דעם מלמד האָט מען גערופֿן רבי[12] און יעדעס קינד האָט געדאַרפֿט באַצאָלן רבי־געלט[13]. קיין אַנדער געלט פֿאַרן לערנען האָט דער מלמד ניט געקראָגן. קינדער וואָס האָבן ניט געקענט באַצאָלן קיין רבי־געלט זענען געגאַנגען אין תּלמוד־תּורה[14]. דער סדר־הלימוד[15] איז געווען אַזוי : דער מלמד האָט געלערנט מיט די קינדער אַלף־בית[16], דערנאָך „טראַף“[17] (דאָס מיינט לייענען די ווערטער), און דערנאָך „סידור“ (לייענען זאַצן, דאַווענען). אַז מע האָט געקענט לייענען, איז שוין געווען צײַט פֿאַר לערנען חומש[18], צו ערשט אַליין, דערנאָך מיט רש״י[19].



▲ צייכענונג :
אַלכּסנדר מייזל

אָנגעהויבן האָט מען אין חומש מיטן ספֿר „ויקרא“[20] (און דאָס נאָך ביז הײַנט). די סיבה[21], פֿאַר וואָס מען האָט נישט אָנגעהויבן מיט ספֿר בראשית[22] (וואָס וואָלט געווען לאָגישער), איז אַז ויקרא רעדט פֿון דינים[23], אָן טראַכטונגען וועגן וועלט־באַשאַפֿונג, יצר־הרע[24] אאַ״וו[25]... אינעם העכערן חדר האָט מען אָנגעהויבן לערנען די גרינגערע טיילן פֿון משנה און גמרא[26]. אין די נאָך העכערע חדרים האָט מען געלערנט תּוספֿות[27], און דאָס ייִנגל האָט שוין געפּרוּווט לערנען „גמרא פֿאַר זיך“[28], וואָס האָט געהייסן „לייענען“. שפּעטער איז עס איבערגעגאַנגען אין בית־מדרש[29] און טייל מאָל אויך אין ישיבֿה[30].

דער שוליאָר איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי זמנים[31], וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פּסח[32] און סוכּות[33] – אַזוי אַרום האָבן די קינדער געהאַט צוויי מאָל אַ יאָר וואַקאַציעס . דאָס לערנען האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, פֿון פֿרי ביז שפּעט, אַחוץ פֿרײַטיק נאָך מיטאָג און שבת. אַ מנהג[34], בײַם אָנהייבן לערנען, איז געווען אַראָפּצוּוואַרפֿן אויפֿן אַלף־בית אַ מטבע[35] צי אַ צוקערל פֿאַרן קינד, עס זאָל גלייבן, אַז אַ מלאך[36] האָט עס אים אַראָפּגעוואָרפֿן. אַן אַנדערער „העלד“ אין דער חדר־טראַדיציע איז געווען דעם מלמדס אַ באַהעלפֿער, וואָס מען האָט אים גערופֿן „בעלפֿער“. ער האָט געהאָלפֿן דעם מלמד אין לערנען די ייִנגלעך, העלפֿן זיי אָנטאָן זיך, אָפּפֿירן זיי אַהיים (מען דערציילט וועגן דעם בעש״ט[37], אַז בחורווײַז[38] איז ער געווען אַ בעלפֿער, און אַז ער פֿלעגט אָפּפֿירן אַהיים די קינדער מיט געזאַנג).

טראַדיציאָנעל האָט מען אויך געלערנט שרײַבן אַ ביסל אויף ייִדיש און לשון־קודש[39] און אויך אַ ביסל רעכענען. אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָט מען געגרינדעט אין רוסלאַנד און פּוילן דעם „חדר־מתוקן“[40], ווּ מע האָט רעפֿאָרמירט דאָס לערנען, געלערנט די העברעיִשע גראַמאַטיק און וועלטלעכע לימודים[41].

1. KHEYDER école religieuse élémentaire/religious elementary school (*plur.* KHADORIM) 2. OYTSER trésor/treasure 3. ASHKENAZ *ici :* les Juifs ashkénazes/*here :* Ashkenazic Jewry 4. espiègles/mischievous 5. MELAMED maître d'école religieuse/teacher in religious school 6. martinet/small whip (cat o'nine tails) 7. REBETSN *ici* : la femme du maître/*here* : teacher's wife 8. s'affaire/busies herself 9. SFORIM livres religieux/religious books (*sing.* SEYFER) 10. SIDER livre de prières/prayer book 11. à l'âge de .../at the age of ... 12. REBE 13. REBE-...frais de scolarité/tuition fee 14. TALMUD-TOYRE école religieuse financée par la communauté/community-supported religious school 15. SEYDER-HALIMED programme d'études/program of studies 16. ALEF-BEYS alphabet 17. *litt.* syllabe/*lit.* syllable 18. KHUMESH Pentateuque/Pentateuch 19. RASHI *ici :* le commentaire au Pentateuque rédigé par Rashi (Rabbi Shlomo Yitskhaki, 1040-1105)/*here* : the commentary on the Pentateuch by Rashi (Rabbi Shlomo Yitskhaki, 1040-1105) 20. SEYFER VAYIKRO le livre de Lévitique/the Book of Leviticus 21. SIBE raison/reason 22. SEYFER BREYSHIS le livre de la Genèse/the Book of Genesis 23. DINIM lois/laws 24. YEYTSER-HORE mauvais penchant/evil impulse 25. און אַזוי ווײַטער 26. MISHNE... GEMORE Mishna... Guemara/Gemara 27. TOYSEFES Tosafoth, commentaire du Talmud rédigé entre le XIIe au XIVe s./Tosafoth, commentary on the Talmud written between 12th and 14th C. 28. לערנען אָן אַ רבי 29. BESMEDRESH maison d'études/study house 30. YESHIVE école supérieure talmudique /institution of higher Talmudic learning 31. ZMANIM semestres/terms 32. PEYSEKH Pesakh/Passover 33. SUKES Soucoth/Sukkoth 34. MINHEG coutume/custom 35. MATBEYE pièce de monnaie/coin 36. MALEKH ange/angel 37. BESHT Rabbi Israel Baal Shem Tov (1700-1760), fondateur du hassidisme/founder of Hasidism 38. BOKHERVAYZ quand il était jeune homme/as a young man 39. LOSHN-KOYDESH *litt.* langue sacrée, hébreu/*lit.* the sacred tongue, Hebrew 40. KHEYDER-MESUKN école religieuse modernisée/modernised religious school 41. ...LIMUDIM matières laïques/secular subjects (*sing.* LIMED).

# אַ שוואַלב אין הימל פֿון

# ייִדישן טעאַטער

דעם 1טן אַפּריל איז אין זאַל פֿונעם מעדעם־צענטער אָפּגעשפּילט געוואָרן דער אמתער שפּאַס[1] ; פֿיר שדימלעך[2] האָבן פֿאַרבלענדט[3] אַ גאַנצן עולם[4] – דורכן שפּיגל. וואָסער שפּיגל – ווילט איר וויסן ? דאָס מיינט מען דעם „שפּיגל“, אַ דערציילונג פֿון יצחק באַשעוויס[5], אינסצעניזירט אויף אַ באַנײַעריש מאָדערנעם אופֿן[6] דורך לאָראַן דאָמאַל. די שדימלעך זענען פֿיר יונגעלײַט – אַ נײַער דור[7] ייִדישע קינסטלער. דער הויפּטהעלד, אַ תּאוודיק[8] שדל, דערציילט ווי ער האָט געפּאַקט[9] אַ רײַך און קאַפּריזנע ייִדיש ווײַבל וואָס פֿלעגט פֿאַרברענגען לאַנגע טעג זיצנדיק אַליין בײַם שפּיגל און באַוווּנדערנדיק די אייגענע שיינקייט. ער האָט פֿאַרברענגט שעהען אונטער איר בעט קוקנדיק אויף אירע נאַקעטע פֿיס... און זיך באַלעקט[10]. אַ מחיה[11] ווי דער אַקטיאָר הערשל גראַנט מאַכט מיט דער צונג און מיט די ליפּן. איין טאָג באַווײַזט זיך דאָס שדל אינעם שפּיגל און נעמט זיך צורעדן[12] דאָס ווײַב צו זינד... זי לאַכט אים אויס נאָר פֿאַראינטערעסירט זיך יאָ אין זײַנע זיסע רייד וועגן גליק און פֿאַרגעניגנס. צום סוף טוט זי אַ קוש דעם שפּיגל און פֿאַלט אַזוי אַרײַן אין די הענט פֿון די ניט־גוטע[13] : דער שד פֿליט מיט איר אַוועק צו זײַן בעל־הבית[14] דעם שׂטן[15]. דאָרטן מאַכן איר שוין די שרעטלעך[16], לאַפּיטוטן[17], שדים, און טײַוולאָנים[18] אַ וויסטן סוף[19].

מאַשע פֿאָגעל האָט פּרעכטיק איבערגעגעבן סײַ דעם פֿאַרפֿירערישן רייץ[20] פֿון איר ווײַבערשער ראָלע סײַ דאָס קווענקלעניש[21] פֿון אַ פֿרומער ייִדישער טאָכטער וואָס האָט מורא פֿאַר בייזע רוחות[22]... איר איידעלע קערפּערשפּראַך איז געווען אַ פֿײַנער ענטפֿער אויפֿן שדס כיטרע[23] בליקן. אָבער נישט נאָר צווישן די ביידע איז פֿאַראַן אַ שפּאַנונג. דאָס שדל אַליין האָט צוויי פּנימער[24]. זײַן צווייט פּנים הייסט לאָראַן דאָמאַל. ער איז דאָס אינעווייניקסטע, דערציילערישע קול פֿון שד און שטעלט אַרײַן די פּיעסע אין איר רעם[25] פֿון אַ מאָנאָלאָג. די דינאַמיק פֿון דער שפּיל פֿאַרשטאַרקט זיך דורך קונציקע שפּראַכשפּילן[26] (אין הינטערגרונד פֿון די ייִדישע רייד הערט מען דאָ און דאָרטן פֿראַנצייזיש, ענגליש און רוסיש) וואָס פֿאַרפֿלעכטן זיך[27] מיט דער מוזיק פֿון אַלעקסי רעמבאָ. זײַנע ניגונים[28] אויף פּיאַנע און קלאַרנעט אָריענטירן די אַקטיאָרן אין זשעסט און וואָרט.



▲ אַלעקסי רעמבאָ (רעכטס) און הערשל גראַנט. פֿאָטאָ : אַניק פּרים

נאָכן דערפֿאָלג פֿון דער פּרעמיערע האָט די פּיעסע ווײַטער אויסגענומען[29] אינעם קאַבאַרעט־רעסטאָראַן „באַן פֿון לעבן“[30], און מע האָט זי געוויזן נאָך דרײַ מאָל אינעם מעדעם־צענטער. דאָס האָט אַרויסגערופֿן גרויס ענטוזיאַזם בײַ געסט פֿון אַנדערע שטעט וואָס חלומען[31] איצטער אַראָפּצוברענגען די טרופּע אויף גאַסטראָלן[32]. לאָמיר האָפֿן אַז נאָך אַ סך צוקוקערס וועלן זיך קענען שפּיגלען[33] אין דעם־אָ „שפּיגל“.



▶ פֿון רעכטס צו לינקס : הערשל גראַנט, לאָראַן דאָמאַל און מאַשע פֿאָגעל. פֿאָטאָ : אַניק פּרים

1. la bonne blague, la «meilleure»/ a good gag, a neat trick 2. SHEYDIMLEKH petits diables/little devils *sing.* שדל SHEDL ; *dim. de/of* שד SHED diable/devil (*pl.* SHEYDIM)3. ont ébloui/dazzled 4. OYLEM public/audience 5. YITSKHOK... Isaac Bashevis Singer 6. OYFN manière, façon/ way, manner 7. DOR génération 8. TAYVEDIK concupiscent/lustful 9. attrapé/caught 10. s'est délecté/licked his lips with delight 11. MEKHAYE un plaisir/a pleasure 12. convaincre/convince 13. créatures malfaisantes/forces of evil 14. BALEBOS patron/boss 15. SOTN Satan 16. diablotins/elves 17. petits démons/minor demons 18. diables/devils (*sing.* טײַוול ) 19. ... SOF une fin terrible/a bad end 20. charme aguicheur/seductive charm 21. hésitation 22. RUKHES esprits malins/evil spirits 23. rusés/sly 24. PENEMER visages/faces (*sing.* PONEM) 25. dans le cadre de/in the framework of 26. jeux de langage ingénieux/ingenious language effects 27. qui se tissent avec/who are interwoven with 28. NIGUNIM mélodies 29. a encore connu le succès/was again a hit 30. Le Train de Vie, rue de la Verrerie, 75004 Paris 31. KHOLEMEN rêvent de/dream of 32. en tournée/on tour 33. *double sens* se regarder dans une glace *et* se délecter/*double meaning* look into a miror *and* delight in.



[סוף פֿון זײַט 1]

גרויס אַן ערך[12] 300 ק״מ[13], איז הײַנט צו טאָג די היים פֿון צוויי אָרגאַניזאַציעס : די מעדעם־ביבליאָטעק און דער אַרבעטער־רינג (וואָס אָרגאַניזירט ייִדיש־לעקציעס דורך דעם „מעדעם־צענטער פֿאַר ייִדישער שפּראַך און קולטור“). אין דעם זעלביקן לאָקאַל אָרגאַניזירט אויך די געפֿי״ל („געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש לימוד“)[14] אַ ריי אַקטיוויטעטן אויפֿן געביט פֿון ייִדישער בילדונג[15]. דער נײַער לאָקאַל, (26 רי שאַפּטאַל אינעם 9טן שטאָטטייל פֿון פּאַריז), צוגעטיילט[16] דורכן פּאַריזער שטאָטראָט[17], איז אַ שיינער בנין[18] פֿון 18טן יאָרהונדערט. נאָך אַ גרונטיקן רעמאָנט[19] וואָס דאַרף דויערן צוויי יאָר וועט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער פֿאַרמאָגן 1000 ק״מ, גענוג גרויס צו האַלטן אַ ביכער־לאַגער[20], לייען־ און לערן־זאַלן, און אָרט פֿאַר אַ ברייטער ריי אַקטיוויטעטן וואָס וועלן אײַנגעפֿירט ווערן. דער מעדעם־צענטער פֿאַר ייִדיש און דער אַרבעטער־רינג וועלן בלײַבן אינעם הײַנטיקן לאָקאַל און ווײַטער פֿירן זייערע אַקטיוויטעטן. מיט דער מעדעם־ביבליאָטעק וועט זיך אויך אַריבערציִען די געפֿי״ל.

די נײַע אינסטיטוציע וועט הייסן דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער. די גרויסע נײַס פֿון דעם דאָזיקן צענטער ליגט טאַקע אין דעם וואָס ער וויל אײַנפֿירן אַן „אינסטיטוט פֿאַר ייִדיש־לימודים“ מיט אַ פֿולשטענדיקער אויסבילדונג[21]־פּראָגראַם אויפֿן געביט פֿון ייִדיש. הײַנט צו טאָג קען מען זיך אין פֿראַנקרײַך לערנען ייִדיש אין אַ צאָל אוניווערסיטעטן און אַנדערע צענטערס, נאָר קיין דיפּלאָם קען מען נישט באַקומען. די גוואַלדיקע אויפֿוואַכונג פֿונעם אינטערעס פֿאַר ייִדישער קולטור ברענגט צו אַ וואַקסנדיקן נאָכפֿרעג[22] אויף נײַע ייִדיש־לערערס, זשורנאַליסטן, איבערזעצערס, ביבליאָטעקאַרן, אַקטיאָרן, זינגערס. דער צוקונפֿטיקער אינסטיטוט וועט שטרעבן[23] אַרויסצוגעבן די סטודענטן אַן אָנערקענטן דיפּלאָם.

דערצו וועט דער צענטער ווײַטער פֿירן און פֿאַרגרעסערן די פֿאַרלאַג[24]־אַרבעט פֿון דער ביבליאָטעק, אַרויסגעבן נישט נאָר אַקאַדעמישע פּובליקאַציעס נאָר אויך ליטעראַטור (סײַ אויף ייִדיש סײַ צווייִשפּראַכיקע אויסגאַבעס[25]), איבערזעצונגען, קינדערביכער, קאָכביכער... וואָס דער עולם וויל. דער צענטער וועט פֿאַרמאָגן אַ קאָמפּיוטער־זאַל און אַ ביכערקראָם, ער וועט דורכפֿירן אויסשטעלונגען, וועט איבערגעבן אַ גרעסער אָרט דעם כאָר און דעם געזאַנג־וואַרשטאַט[26] און שאַפֿן פֿאַרשיידענע וואַרשטאַטן פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע. אַוודאי וועלן פֿאָרקומען רעפֿעראַטן, קאָנצערטן, דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען, שמועס־גרופּן... נו, וואָס פֿעלט נאָך ? די הויפּטזאַך : אַ קאַפֿע אַוודאי, וווּ מע קען אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און פֿאַרזוכן אַ ייִדיש מאכל[27], לייענען, שמועסן, הערן מוזיק.

די האָפֿענונג פֿון אַלע מיטאַרבעטער איז אַז דער צענטער וועט זײַן אַן אמתע[28] היים פֿאַר ייִדיש, אַן אָרט פֿאַר אַ לעבעדיקער ייִדישער קולטור ווי אויך דער טרעפֿפּונקט פֿון אַלע ליבהאָבערס פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

וועגן דעם פּראָיעקט קען מען לייענען מער פּרטים אויף אינטערנעץ אויפֿן אַדרעס :
www.yiddishweb.com

12. ...erekh environ/approximately 13. קוואַדראַט־מעטער mètres carrés/square meters
14. ... limed (*pl.* limudim) enseignement, matière/instruction, subject, studies ; nom yiddish de/the Yiddish name of AEDCY (Association pour l'enseignement et la diffusion de la culture yiddish) 15. instruction 16. alloué/allocated 17. mairie/city council 18. binyen immeuble/building 19. rénovation complète/thorough renovation 20. dépôt de livres/book storage space 21. formation/education, training 22. demande/demand 23. aura pour but/will strive 24. édition/publishing 25. publications 26. atelier de chant/song workshop 27. maykhl plat/dish 28. emese véritable/real.

[סוף פֿון זײַט 2]

ראָזענפֿאַרב און ירחמיאל[37] בריקס, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, און ש.ב. שאַיעוויטש, וואָס איז אומגעקומען, אָבער האָט באַוויזן צו באַהאַלטן זײַן גרויסע פּאָעמע *לך־לך*[38].

נאָך דער מלחמה פּרוּווט מען ווידער אויפֿלעבן דאָס ייִדישע לאָדזש. עס קומען אַהין אַן ערך 50 000 פּליטים[39], דער עיקר ייִדן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[40]. ביזן אָנהייב פֿון די פֿופֿציקער יאָרן, ווען מע בויט אויף די צעשטערטע וואַרשע, איז לאָדזש דער גרעסטער ייִדישער צענטער אין פּוילן. עס דערעפֿענען זיך דאָרטן ייִדישע שולן (מע גיט אַפֿילו אַרויס אַ צײַטשריפֿט פֿאַר קינדער, *לאָמיר קינדער לערנען*), פֿאַרלאַגן („דאָס נײַע לעבן“ און „ייִדיש־בוך“), און אויך אידאַ קאַמינסקיס טעאַטער. אין די פֿופֿציקער יאָרן אָבער, און שפּעטער אין יאָר 1968, בשעת אַ גרויסער אַנטיסע-מיטישער כוואַליע אין פּוילן, פֿאַרלאָזט די גרויסע מערהייט ייִדן די שטאָט.

37. yerakhmiel 38. lekh-lekho *litt.* «Pars !», allusion à Genèse XII, 1 /*litt.* «Get thee out !», reference to Genesis XII, 1 39. pleytim réfugiés/refugees (*sing.* polet) 40. Union soviétique/Soviet Union.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אליעזר, אלכּסנדר, אַניק, בערטראַן, גאָלדע,
זשיל, יצחק, מרים, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tél. : 01 42 71 30 07

מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
Tél. : 01 48 03 20 17
medem@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com